# THE SHEPHERD OF IS

ENGLISH DEPARTMENT

Subscription Price
50 cents a Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to t
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.


## "BEHOLD A VIRGIN"

(Isaiah 7:14)

Recently we had a number of requests to give a clear and full explanation of the well known prophecy "Behold a Virgin shall conceive and bear a son." We have therefore decided to give a series of articles on this page, giving the true meaning of the Hebrew word "alma" which is being interpreted in English "virgin". The honest and sincere inquirers will find that to believe in the miraculous and virgin birth of our Lord Jesus Christ means to accept and follow the plain word of God, relegating traditions and opinions of men into desuetude and oblivion.

It is our earnest prayer that through the truth of this tract which is free from precepts of men but filled with the Word of God, the hearts of our brethren may be awakened as they used to be aroused by the blasts of the ram's horn to look for the dawn of the morning. While the Temple stood, the High Priest used to go up to the highest tower of the sanctuary, waiting for the dawn, and when he saw the golden rays of the sun pour forth over the hills, kissing the lips of Hebron, he would call to his brethren the priests beneath: "The sun is risen!" This he did for two reasons: first, because the priests were to bring the morning sacrifice and second because the children of Israel were not allowed to sleep during the offering of that sacrifice. So when those beneath heard the voice of the priest on the temple's roof, "The sun is risen," they opened the great, heavy gates of the temple, and the priests gave three blasts on the silver horn so that Israel would rise from their slumbers. Thus I pray to God that He through these pages may awaken the minds of our brethren, as the priests of old woke up their bodies. For we who believe in Jesus, the Messiah, see in Him the sun of righteousness risen, shining to the perfect day. Therefore we cry out to the children of Israel, "Awake thou that sleepest, the sun is shining and His light is glorious!"

## "BEHOLD THE VIRGIN SHALL CONCEIVE AND BEAR A SON."

This verse is cited in the New Testament, in Matt. 1:23. Here we are told an angel came to a Hebrew girl of the house of King David telling her that she would have a son whose name should be Jesus, because He would save His people from their sins. This came to pass that the Scripture might be fulfilled which says: "Behold a virgin shall conceive and bear a son." Here everyone who does not believe in Jesus the Messiah has great difficulty to understand this prophecy There is hardly a more difficult passage in the Old Testament than this. Now dear reader, if you are an earnest seeker for truth, read this and we doubt not that the Lord will give light. Let us look at the context of the verse in Isa. 7.

Ahaz was the king of Judah. Two other kings came against Jerusalem, and Ahaz, having little faith, became greatly frightened. In 2nd Kings 16:7-8, we read that Ahaz had sent gold and silver from the temple to bribe the heathen king of Assyria into a confederacy against the invading warriors. Thereupon God sent the prophet Isaiah to tell Ahaz not to fear, for God would save the holy city. But as Ahaz had little faith, God told him to ask for a sign so as to be sure of God's promise that he would not have to give away the gold and the silver of His house to an idolator. But Ahaz answered: "I will not tempt God." Some one has thought that it was Ahaz's piety that dictated these words, but if you read 2 Kings 16:1-4 your mind will be disabused: "He made his son to pass through the fire according to the abominations of the heathen," and in 2 Chr. 28:2 we read that he made molten images for Baalim, and in verses 22 and 23 we are told that in the time of his distress he trespassed yet more against the Lord. He sacrificed unto the gods of Damascus and said: "Because the gods of the kings of Syria help them, therefore will I sacrifice to them that they may help me." From this we can see what kind of piety was his. But as God is merciful He sent the Prophet Isaiah to tell him not to expend the gold and silver of the temple to buy the help of the king of Assyria, for if he could not trust God he should ask a sign either from heaven above or from the depth underneath, that is any sign at all, so as to be convinced of God's promise, but as he was a hardened sinner he refused and said he would not ask and would not tempt God. Now you will not wonder that the prophet began to use hard language. "Hear ye now, O house of David; It is a small thing for you to weary men, but will ye weary my God also?" "Is it not enough that you weary me, His prophet, under the pretence that I am a man, although sent of God; will ye also weary my God refusing to ask a sign from Him when He thus commands?"

און פון קלאגען.

אונזער גרויסער איד האט קונה שם געווען אויך צוליעב זיינע הארציגע דרשות וועגען ישוע המשיח באזירט אויף תנ"ך. וועמען מאסען אידען האבען גערן צו־געהערט און האבען אליין אויך געגלויבט דרין. מי יתן וחיה רבים כמוהו בישראל.

---

## דער טראנישער מארד אין ירושלים

דער שרעקליכער מארד וואס איז בעגאנגען געווארען הארט נעבען דעם מקום קדוש וואו דע־האן האט געדאווענט מנחה־מעריב, האט ווידער ארויפגעבראכט די שטאדט ירושלים אויף דעם סטערעאפטיקען פארהאנג אויף וועלכען דיא נביאים האבען אונז אהינגעוויזען מיט 3000 יאהר צוריק. רציחות און שפיכת דמים איז דאמאלס געוועזען די הויפטווינד צווישען אידען אין ארץ ישראל, וועגען וועלכע גאט האט צוריקגעוויזען די אידישע תפלות, אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה א: "גם כי תרבו תפלה אינני שמע ידיכם דמים מלאו".

דער הייליגער משיח האט עס אונז נאך דייטליכער ערקלעהרט, אחינדייטענדיג אז יעדעס אונשולדיג פערגאסענע בלוט וואס אידען באגעהען, וועט עס פון זיי געפאדערט ווערען. ער זאגט אין מתתיהו כ"ג:

"איך שיק צו אייך נביאים און חכמים....עטליכע וועט איהר הרג'ענען. . . . עטליכע שמייסען אין אייערע שוהלען . . .עס וועט אויף אייך קומען אלעס אונשולדיגע בלוט וואס איז פארגאסען געווארען פון הבל הצדיק ביז זכריה הנביא וועלכען איהר האט אומגעבראכט צווישען דעם היכל און דעם מזבח באמת זאג איך אייך, אז אלעס וועט קומען אויף דיזען דור. ירושלים ירושלים, וואס האסט געטויטעט די נביאים און געשטייניגט די וואס זיינען געשיקט געווארען צו דיר. וויפיעל מאל האב איך געוואלט דיינע קינדער איינזאמלען ווי א הוהן איהרע קליינע היהנדעלעך אונטער איהרע פליגעל און איהר האט ניט געוואלט. אייער הויז וועט פארוויסט ווערען און איהר וועט מיך מעהר נישט זעהן ביז איהר וועט זאגען "ברוך הבא בשם ד'".

מיר זעהען היינט, אז די זאגענאנטע אידעאליסטען ווילען אויפבויען דאס הייליגע לאנד מיט זייער גאנצען לייב און נשמה. פאקטיש אבער, ליגט אונטער דיא אלע שעהנע פרעטענזיעס בעהאלטען דער שטן מיט זיינע מחבלים.

ווייל דר' דע־האן האט קריטיקירט דיא פאליטישע פיהרערשאפט, איז דער שטן ארויסגעשפרונגען פון זיין באהעלטעניש און פערגאסען אונשולדיג בלוט.

מיר האבען שוין לאנג געזאגט אז ס'איז לגמרי קיין נוצען אויפצובויען ארץ ישראל מיט מענשען וועלכע האבען נאך אומער אין זיך דאס אלטע פערדארבענע הערץ. ישוע המשיח האט געזאגט אין יוחנן ג: "אז מ'מוז אויפ'ס ניי געבוירען ווערען". ווען ישוע המשיח'ס גייסט ווערט איינגעפלאנצט אין מענשענס הערץ, פארגיסט מען מעהר קיין אונשולדיג בלוט.

מיר זיינען לחלוטין ניט געגען דער מאדערנער ציוניסטישער באוועגונג ווייל מיר גלויביגע אין משיח וויסען אז דאס דארף אזוי זיין על פי הנביאים. דאס איז א פארבערייטונג צו דעם וואס גאט זאגט אין זכריה י"ד: "ואספתי את כל הגוים אל ירושלים למלחמה". עס דארף אזוי זיין אז גאטלויזע אידען זאלען זיין די פיהרער פון דער באוועגונג. דאן וועט די גרויסע צרה קומען. דער "עת צרה הוא ליעקב" פון ירמיה ל' וועט קומען אויף אידען. און דאמאלס אין דער גרויסער צרה וועלען אלע איבערגעבליבענע אידען זיך באקעהרען, וויינען פאסטען און בעטען אז ישוע המשיח זאל צוריק קומען. און זיי וועלען ארויף בליקען צו איהם וועלכער איז צו־שטאכען געווארען אויף'ן הר הגלגולת. (זכריה י"ב)

פון דעם זעהען מיר ארויס אז די אלע זאכען מוזען אזוי געשעהען און מיר קענען ניט זיין דאגעגען. אבער אז אקט פון שפיכות דמים קענען מיר נישט פערשווייגען. גאט אליין בעקלאגט זיך אין מיכה ג': "בונה ציון בדמים". ד"ה, איהר ווילט אויפבויען ציון מיט בלוטפערגיסונג.

דאס עראינערט אונז פון דעם שרעקליכען פלוך וואס קין האט באקומען פאר זיין עהנליך שטיקעל ארבייט מיט זיין ברודער הבל, און גאט זאגט איהם: "קול דמי אחיך צועקים אלי מן האדמה", און האט איהם מכבד געווען מיט'ן שרעקליכען ארור.

איניגע אידישע בלעטער האבען פערזוכט דעם מארד פון דר' דע־האן צו פארגלעטען. דער סוד איז אבער ארויס אויף דער אויבערפלעכע און מיר זעהען דרין א סארט קלעניזם, אזוי וויא דיא קו קלוקס קלען איז.

זאל זיך גאט מרחם זיין, ישראל זאל קומען צום בעוואוסטזיין אז ישוע איז דער משיח און זאלען אין איהם גלויבען. וועט מענשען־ליעבע עקזיסטירען און צו קיין שפיכת דמים במילא ניט קומען. דיעזע אמונה וועט בעזונדערס פערלינגערען די "עת צרה" וואס איז פארנעשריבען און העננט נעביך איבער'ן אידישען פאלק וועלכע גלויבען ניט אין גאט'ס ווארט און אין זיין משיח.

מיר גלויביגע אין ישוע המשיח זעהען דאס און ווילען אז כל ישראל זאל פון דער גרויסער צרה בעציטען וויסען בעפאר זי קומט נאך. וויאזוי דערפון זעהן פטור צו ווערען דורך דער אמונה אין ישוע המשיח. און דערפאר שרייבען מיר און רעדען אזוי אפט דערפון.

דיא וועלכע וועלען פאלגען, וועלען טאקע קיין חרטה האבען, אויף די אנדערע אבער, זאל זיך גאט מרחם זיין.

---

## כללים צו בריעף שרייבער

1) שרייבט מיט טינט, עס זאל זיין קלאהר און דייטליך צו לעזען.

2) שרייבט אונטער אייער נאמען און אדרעס, ווייל אנאנימע בריעף וועלען ניט בעאנטווארט ווערען.

3) שרייבט אנשטענדיג, זידעלט ניט און שעלט ניט, ווייל מיר זיינען אייערע פריינד. בענשט אונז וועט גאט אויך אייך בענשען.

4) איהר מעגט זיך אין אייער בריעף פאלשטענדיג אנפערטרויען אין אונז. שרייבט אלעס ארויס. אייערע בריעף בלייבען סטריקט קאנפידענשעל.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price
50 cents a Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

OCTOBER, 1924.
VOL. VI. No. 2


## הערצל, לאעב - לעאפאלד פאנטראסטירט

ס'איז כאראקטעריסטיש, אז דיעזע צוויי פארסירונגען, נעמליך, אז האנס הערצל האט אנגענומען דעם גלויבען אין ישוע המשיח און אז לאעב־לעאפאלד זיינען באגאנגען דעם גרויזאמען מארד, דיעזע צוויי האבען באדארפט געשעהן כמעט אין דערזעלבער צייט. עס איז דארום ווערטה זיך דאביי אפצושטעלען אוםביידע פאסירונגען צו אנאליזירען און אויך צו באטראכטען די שטעלונג פון די מאדערנע אידען צו דיעזע צוויי געשעהענישען.

ביידע אינצידענטען האבען געבראכט טרויער און ענטמוטהיגונג צו אידען. ביידע האבען אויפגערודערט א וועלט מיט מענשען, און ביידע זיינען א הענגוויזער צו ישוע המשיח.

די איבערציינונג פון האנס הערצל בנוגע דיא וואהרהייט אין ישוע המשיח באווענט דעם דענקענדען מענש צו קומען צו אן ענטשיידענען בעשלום, אז ישוע המשיח איז דער איינציגער איז וועלכען מיר געפינען דעם פארקערפערטען אמת פון גאט ב"ח (מימרא ד') פון תורת משה והנביאים.

"האנס הערצל", דער זוהן פון דעם נשר הגדול דעם גרויסען דר' הערצל וועלכער האט אויפגערודערט די גאנצע וועלט מיט זיין "יודענשטאט" און מיט זיין ציוניזם, זיין זוהן וועלכער האט נהנה געווען פון זיין פאטער מעהר אלס אירגענד וועלכער אנדערער מענש, ער, וועלכער האט אין זיך איינגעזאפט פון קינדווייז אויף דעם גייסט און די נשמה פון זיין פאטער, ער האט גאר צוריק געלאזט דיא גאנצע באוועגונג פון זיין פערהייליגטען טאטען און איז ארוים מחוץ למחנה צו ווערען א נאכפאלגער פון ישוע המשיח וועלכען אידען פעראכטען און פערווארפען שוין 2000 יאהר.

די נארישע רייד פון איגנאראנצע מענשען וואס זאגען אז ווען א איד ווערט א גלויביגער אין ישוע המשיח איז עס נור צוליעב א מאטעריעלען מאטיעף, ענטוועדער "געלד" אדער א "פערליעבעניש" אדער נאר א קאריערע אד"ג, קענען בשום אופן נישט געזאגט ווערען אין הערצעלס באקעהרונג. דאפיר מוז מען קומען צו דעם איינציגען שלאגווארט: "איבערצייגונג". אזוי ווי ער אליין האט געענטפערט צו די פיעלע אנפראגען.

און דאך האט דיעזער אמת־זוכער געווארפען אן אימה ופחד אויף אלע ציוניסטען ווי אויך אויף אלע אידען. אלע האבען איהם פערדאמט. אפילו זיין איינענע שוועסטער האט פובליצירט א סטייטמענט פערדאמענדיג איהר ברודער פאר זיין שריט. כמעט אלע אידישע בלעטער האבען ענטהאלטען היבשע ארטיקלען מיט זלזולים אויף דעם אויפריכטיגען יונגען מאן האנס הערצל. צווישען די שירות האט מען געקענט לייענען דעם געדאנק פון יענע שרייבערס, פול מיט קללות און חרמות.

שוין אליין דאס ווארט "גע'שמד" מיט וועלכען זיי באנוצען זיך אזוי אפט, איז פול מיט גאל און מיט גיפט. שאנדע, אז מאדערנע אידען זאלען האלטען אין מויל אזא פאסקודנע ווארט וועלכעס שטאמט נאך פון מיטל אלטער, ווען אידען זיינען געווען שרעקליך איגנאראנט און אויף א זעהר שפלדיגער מדרגה, צוזאמגעדרוקט אין דיא געהעטאס ווי הערינג אין א פאס. ווי שמוציג מוזען יענע ליפען זיין וועלכע אויסערען נאך היינט־צו־טאג אזא פארעיפוש'דיגען אויסדרוק ווי "גע'שמד" און "משומד". דאס ציינט נור ווי פערדארבען יענע הערצער זיינען וועמעס ליפען קענען אזוי רעדען. אן ערענטליכער איד רעדט בלשון נקיה, בכן: יענער און יענער איז געווארען א גלויביגער אין ישוע המשיח. אדער, ער איז געווארען א קריסט .וכהנה.

אין זייער ארט רעדען ציינט זיך שוין ארוים די אלטע שלאנג. (נחש הקדמוני) ווען מ'קאן יענעם נישט דערלאנגען מיט דיא ידי עשו איז כאטש מיט דער גיפטיגער צונג. און באותו רגע שרייבט דער זעלבער זשורנאליסט אן ארטיקעל באקלאגענדיג זיך אויף די אנטיסעמיטען וואס האסען אידען.

א חוצפה פון א קאזאק. זיי אליין פארפאלגען און צייגען א פארביטערטען אנטיסעמיטישען האס צו אנדערע, און בעקלאגען זיך נאך אז אנדערע האסען גאר זיי.

אונזערע חכמים האבען אמאהל געזאגט א גליידווארט: "מום שבך אל תאמר לחברך". און ישוע המשיח האט עס נאך בעסער מסביר געווען אין מתתיהו ז. ער זאגט דארט: "ולמה תביט אל שבבים אשר בעין אחיך ולא תשית לב אל הקורה אשר בעיניך". ד"ה, פארוואס זעהסטו דאס שפענדל אין דיין ברודערס אויג און באטראכסט נישט דעם גרויסען קלאץ אין דיין אייגענעם אויג.

צוריק צום פונקט: האנס הערצל איז פערדאמט געווארען פון אידען און פון זיין איינציגער שוועסטער פאר זיין שטעלונג צום אמת אין ישוע המשיח לויט זיינע אייגענע איבערציינונגען. אט־א־דאס איז דיא אנאליזיע פון הערצעלס טהאט און פון אידענס שטעלונג צו איהם.

איצט וועל מיר אנאליזירען לאעב און לעאפאלד זייערע מעשים און אידענס שטעלונג צו זיי.

"צוויי מיליאנערסקע יונגע לייט, האבען געלעבט אין וואוילטאג, האבען זיך געבאדען אין געלד און אין תענוגים. זיי האבען ניט געוואוסט פון גאט און פון זיין ווארט. זיי האבען געטהון אלער־האנד מעשי סדם. זייא האבען גענומען א 14יעהריג איינגעל און האבען איהם אויף א גרויזאמען אופן גע'הרג'עט, מיט דער איינציגער אבזיכט צו פערזוכען דעם טעם פון רציחה און צו האבען דאס פערגניגען צו צו־זעהן וויא יענער ראנגעלט און מארטערט זיך מיט'ן טויט אונטער זייערע הענד.

דיעזע שרעקליכע טהאט האט אויך געצויגען די אויפמערקזאמקייט און דאס ערשטוינען פון א וועלט מענשען, אידישע און ניט אידישע. אבער א מערקווירדיגער אונטערשיעד האט זיך בולט ארויסגעשטעלט צווישען די צוויי געשעהענישען. דא ביי די צוויי מערדער איז קיין פערדאמונג אויף זיי ניט פובליצירט געווארען, נישט פון זייערע קרובים און נישט פון אנדערע אידען. אלעס איז געווען "שא". נישט נור האט זיך דער טראגישער מארד אונטערשיעדען אין א נעגאטיווען וועג, מיט שווייגען, נייערט אויך אין דער פאזיטיווער אקטיוויטעט, מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג זיי צו פערטהיידיגען, שפענדירענדיג אונגעהויערע גרויסע סומען געלד צו בעצאהלען די גרעסטע וויסענשאפטס עקספערטען פסיכיאטריסטען, און בעסטע לאיערס אום זייא צו רעטען פון א פערדיענטען טויט אזוי ווי גאטס תורה האט פאר זיי באשטימט אין שמות כ"א: "מכה איש ומת מות יומת". "נפש תחת נפש". דא האבען זיך אבער אידען ווידער אריין געמישט און געהאנדעלט געגען דער תורה.

עס איז א טרויריגע ערשיינונג צווישען מאדערנע אידען, פונקט אזוי ווי עס איז אמאהל געווען צווישען די פערדארבענסטע און ערגסטע אידען פון דער צייט פון ישעיה הנביא, דורך וועמען גאט האט

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3, 1879.